5091 אסע"י

9 5091

# א טראפן

## ( ווי אזוי מען האט פארטריבן די שדים)

מיט יארן צוריק, זענען געווען פיל יידן, וועלכע האבן געגלויבט אין איבערגלויבנס; זיי האבן געגלויבט אין שדים, אין רוחות, אין אשמדאי.

זיי האבן אויך געגלויבט, אז אויב עס טריפט א טראפן וואסער, נעבן א הויז, טאר מען נישט בויען, אויף דעם פלאץ, קיין הויז; ווייל עס קען פאסירן א אומגליק און דאס הויז קען איינפאלן...

האט באשלאסן א רייכער ייד אין שטעטל, נעבן טשערנאוויץ, צו בויען א הויז, דוקא אויף א ארט, וואס קיינער האט ביז איצט נישט געוואלט בויען; נעבן שכנ'ס הויז, האבן כסדר געטריפט טראפנס וואסער. די שטעטלדיקע מענשן, האבן זיך באמיהט משפיע זיין אויפן גביר, ער זאל איבערייסן דאס בויען. אבער דער ייד איז געווען א גרויסער עקשן און האט דאך געבויט.

דער ייד מיט זיין משפחה, זענען אריבער וווינען אין דעם נייעם הויז. פלוצלונג, האט אין מיטן נאכט, אלץ ארום, אנגעהויבן צו ציטערן. קיינער האט נישט געקענט שלאפן. משונה'דיקע קולות האבן זיך געהערט פון אלע זייטן; אזוי ווי מענשליכע קולות, אבער עס איז נישט מעגליך געווען זיי צו פארשטיין. שדים און רוחות! מען האט דאך אים געווארנט, דעם גביר! מענשן האבן אין דעם געגלויבט, און עס וועט גארנישט העלפן. איז דער ייד, פארטאג, אוועק צום טשארטקאווער רבי. האט דער אויסגעהערט זיינע ווערטער. זיין געזיכט איז ערנסט געווארן. זיין הויכער און ברייטער שטערן האט זיך איינגעקנייטשט.

– גיי צוריק אהיים,– האט דער רבי געזאגט.– ביינאכט, לייגט אייך אלע שלאפן, און זאל אייך נישט אנגיין, וואס עס וועט פארקומען.

– אבער רבי, עס איז אוממעגליך...

– טו, ווי איך הייס דיך!

אין מיטן נאכט, האט זיך דער רבי איינגעהילט אין זיין טלית. דער שמש האט אים באגלייט צום יידנס הויז. דער רבי האט זיך געזעצט ביים אפע-נעם פענסטער און געווארט. ער איז געווען ערנסט.

פלוצלונג, פונקט אין מיטן נאכט, האבן זיך דערהערט קולות פון דער ערד. די שטימעס האבן זיך אלץ מער דערנענטערט צום אפענעם פענסטער; דאס זענען געווען קולות און געזאנגען, אויסגעמישט מיט ווילדן געלעכטער.

אין פענסטער האט זיך באוויזן א ווילדע געשטאלט פון א מענש. דאס געשטאלט האט געלאכט די גאנצע צייט און האט זיך געפרובט דערנענטערן צום רבי. דער רבי האט זיך נישט גערירט פון ארט, ווי ער וואלט גארנישט געזען פאר זיך. דער אשמדאי האט שטארקער און ווילדער געלאכט; דא האט ער זיך דערנענטערט,– דא דערווייטערט. נוען ער האט, אין א געוויסן מאמענט, אויס-געשטרעקט די האנט, כדי אנצוכאפן דעם רבי'ס ווייסע בארד,– האט דער רבי אויסגעשטרעקט זיין האנט. ער האט ארויסגעזאגט עטליכע ווערטער, מיט פאר-מאכטע אויגן. אין דער רגע איז דעם שד'ס האנט, געבליבן ווי פארשטיינערט אין דער לופטן. ער האט געוואלט צוריקציען זיין האנט, אבער ער האט נישט

5091



b 5091

געקענט. זיין קערפער האט זיך געוויגט אין דער לופטן, אהין און אהער, אבער זיין האנט האט געהאנגען אין דער לופט, אין דעם אפענעם פענסטער.

ווען דער שד האט געפילט, אז זיין קערפער ווערט אים וואס שווע-רער,- האט ער געבעטן ביים רבי סליחה.

" באפריי מיין האנט"...

- איך וועל נישט באפרייען,- האט דער רבי געזאגט.- וואס טוסטו דא, אין דער דאזיקער שעה, אין דער לעבעדיקער וועלט?- האט דער רבי געפרעגט.

דערווייל איז אונטן אלץ אנטשוויגן געווארן.

" איך בעט דיך, באפריי מיין האנט"- האט דער אשמדאי זיך געבעטן.

- איך וועל דיין האנט באפרייען, שוין, אויב דו וועסט מיר צוזאגן, אז דו וועסט קיינמאל נישט קומען, דו מיט דיינע רוחות, אויף א ארט, וואו עס געפונען זיך לעבעדיקע מענשן.

דער שד האט דערפילט, אז נאך א ביסל, וועט ער אינגאנצן פארשטיי-נערט ווערן; ער האט זיך שוין כמעט נישט געפילט.

" איך זאג צו. באפריי מיין האנט"- האט ער געבעטן.

- איך גלויב נישט דיין ווארט. שווער!- האט אויסגערופן דער רבי.

" איך שווער!"- האט געזאגט דער שד, אויסשרייענדיק א ווארט, וואס נאר דער רבי, האט עס פארשטאנען.

דער בעל הבית פון דער דירה, איז די דאזיקע נאכט גוט געשלאפן, ניט וויסענדיק, וואס עס איז אין זיין הויז פארגעקומען. נאר דער שמש האט געזען דעם רבי'ס התלהבות, ווען ער איז אויפגעשטאנען פון בענקל.

- קום. אלץ איז אין בעסטן ארדנונג.

פון דאן האבן יידן געבויט אומעטום; אויך דארט, וואו עס האט גע-טריפט א טראפן וואסער אלע יארן... דער טשארטקאווער רבי, האט פארטריבן דעם אשמדאי.

פארשריבן פון משה בורט
געהערט פון פערל דאובער,
א געבוירענע אין טשערנאוויץ.

28.VI.69 5091

# כיצד גרשו את המזיקים

(c) 5091

היו פעם, לפני שנים רבות, יהודים רבים שהאמינו באמונות תפלות. הם האמינו בשדים, בלילית מלכתם, באשמדי מלכם, ובכל הקשור בהם. הם האמינו, בין השאר, אם מ„טפטף" בית, ויש בו רטיבות, אסור לבנות בית בקרבתו, כי עלול לקרות אסון, והבית עלול להתמוטט...

והנה החליט יהודי בעיירה שליד צ'רנוביץ, יהודי בעל כסף, לבנות בית, דוקא במקום שאיש לא רצה לבנות עליו, בגלל הטפטוף המתמיד והרטיבות של הבית השכן. אנשי הסביבה התערבו בענין ונסו להשפיע על היהודי, ולמנע את הבניה. אך היהודי היה עקשן גדול והחליט: אבנה, ויהיה מה שיהיה.

הבית קם והיהודי עם בני משפחתו עברו לגור בו. אך בחצות הלילה החל הכל לרעד סביבם; אי אפשר היה לעצם עין. נשמעו קולות משנים, כאלו קולות אנשים, אלא שאי־אפשר היה להבינם. שדים ורוחות, כנראה. הרי הזהירו אותו אנשי הסביבה שלא יבנה במקום זה.

נסע היהודי אל הרבי מצ'ורטקוב וספר לו הכל. שמע הרבי את דבריו, ופניו הזקנים הרצינו. מצחו הגבוה והרחב התקמט. — חזור לביתך, — אמר הרבי. — בלילה שכבו לישן ואל תתענינו בנעשה.

— אבל רבי, אי־אפשר...

— עשה, כפי שאמרתי.

בלילה, סמוך לחצות, התעטף הרבי בטליתו, ושמשו לוהו אל ביתו החדש של היהודי. הרבי התישב ליד החלון הפתוח והמתין. הוא היה רציני מאד.

לפתע, בחצות, נשמעו קולות הבוקעים מתוך האדמה. נראה היה, כאלו הקולות מתקרבים יותר ויותר אל החלון הפתוח. היו אלה קולות שירה המערבים בצחוק פראי.

לפתע נראתה בחלל החלון דמות של אדם. הדמות צחקה כל הזמן ונסתה להתקרב אל הרבי. אך הזקן לא נע ולא זע, כאלו אינו רואה דבר. הדמות צחקה ביתר קול וביתר פראות, היא התקרבה והתרחקה לסרוגין. ברגע מסים הושיטה הדמות יד כדי לתפס בזקנו הלבן של הרבי, ואז הושיט גם הרבי את ידו ואמר איזו מלה כשעיניו עצומות. ידה של הדמות התאבנה כאלו היא רצתה לסחב את היד בחזרה, אך היה בלתי אפשרי. הגוף התנודד באויר הנה והנה, אך היד היתה תלויה באויר, בחלל הריק של החלון הפתוח.

כשהרגישה הדמות, כי הגוף מכביד עליה יותר ויותר, היא התחילה לבקש סליחה מן הרבי: — שחרר־נא את ידי — בקשה.

— לא אשחרר השיב הרבי. מה מעשיך כאן בשעה זו, בעולם החיים? — שאל הרבי.

ולמטה, נשתתקו בינתים הקולות שבקעו משם לפני כמה דקות.

— אנא, שחרר את ידי, בקש האשמדי.

— אשחרר את ידך, שטן, אם תבטיח לי, כי לעולם לא תחזור יותר, אתה ואנשיך, למקום, שבו נמצאים אנשים חיים.

— מבטיח אני. אך שחרר את ידי, — התחנן.

אין אני מאמין בהבטחותיך. תשבע! — קרא הרבי.

— אני נשבע! — קרא השד ובטא מלה נוספת שהיתה מובנת רק לרבי.

אותו לילה ישן בעל הדירה שנה עמקה, מבלי לדעת על המתרחש על ספ חלונו. רק השמש ראה במו עיניו את התלהבותו של הרבי, רק הוא שמע את השיחה. אחרי השבועה פנה הרבי אל השמש: — בוא! הכל בסדר.

מאז בנו יהודי הסביבה בתים בכל מקום, ולא חששו יותר מן המזיקים.

רשם משה בורט (חיפה) מפי פרל דאובר מצ'רנוביץ.